בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת עֵקֶב

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ פָּארְן קַיְין אוּמַאן,
אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ קַיְין יַבְנְאֵל? ............................................א

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ צוּ מַאכְן שִׂמְחוֹת
אָן הַארְץ וֵוייטָאג אוּן חוֹבוֹת? ...........................................ב

וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיְין טַאטֶע גֶעבְּט מִיר נָאר פְּסָקִים? ..............ו

וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיְין וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט
אוֹיף שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער? .........................................ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דֶער רֶבִּי צָאלְט צוּרִיק פַּאר דִי וָואס הֶעלְפְן אִים ...........................א

אַז מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַנְדֶערֶע, אִיז מֶען מַצְלִיחַ .....................ב

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ'ן מְחַיֶ' זַיְין אַזוֹיפִיל מִשְׁפָּחוֹת מִיט אַ שֶׁפַע פוּן עֶסְן...ג

עֶס גְלַאנְצְט אוּן עֶס בְּלִיטְשְׁקֶעט,
אָבֶער דֶער סוֹף אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער ..............................................ד

מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אִין דִי הַיְינְטִיגֶע דוֹר ...ד

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּ פָּארְן קַיְין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה..........ו

דֶער נֵייעֶר וֶועג, וָואס פִירְט צוּם אַלְטְן וֶועג ............................ז

נִישְׁט צוּהֶערְן צוּם יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל נָאר צֶעבְּרֶעכְן
דֶעם מֶענְטְשׁ ................................................................ט

הַכְּתָּרַת הַדַּיָּין וּמוֹרֶה צֶדֶק .................. ט

מֶען פַאַרְלִירְט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ אַז מֶען אִיז עֶרְלִיךְ .................. י

נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי חֵשֶׁק אוּן בְּרֶען פוּן אָנְהֵייבּ הִתְקַרְבוּת .................. יב

תִּ׳פְתַּח שַׁ׳עֲרֵי בֵּ׳ית פֵּ׳יגָא .................. טו

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאַרְ׳ן הֶעלְפְן דִי סְקוּל בֵּית פֵּיגָא אַזוֹי גֶעטְרֵיי .................. טז

טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן לִיבּ אִידִישְׁקֵייט .................. טז

וַוייזְן פַאר דִי יוּגְנְט דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק פוּן זַיין אַ אִיד ... יז

יֶעדֶער אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, ווּאוּיל אִיז דֶעם וָואס
אַרְבֶּעט שְׁוֶוער מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן .................. יז

דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייעֶר אַרְבֶּעט .................. יח

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן
וִוי אוּיפְלֶעבְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער .................. יח

דִי צֶען יָאר פוּן ״בֵּית פֵּיגָא״, בְּלַייבְּט אַ זְכוּת
פַאר אַייךְ אוּיף אֵייבִּיג .................. יט

מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַז אִיר קוּמְט צוּרִיק זַיין אַ לֶערֶערִין .................. כ

אַייעֶר צְנִיעוּת אִיז אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי תַּלְמִידוֹת .................. כ

וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין
וֶוערְט דִי וַוייבּ אַ הֶעלְפֶער .................. כא

רוּפְן מִשְׁפָּחָה אוּן בַּאקַאנְטֶע צוּ דִי פְּלֶעי ״פַּארְטוּישְׁטֶע קִינְדֶער״... כא

גֶעבּ אַכְטוּנְג וֶועם דוּ נֶעמְסְט אַרַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ .................. כב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ פָארְן קַיין אוּמַאן, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ קַיין יַבְנְאֵל?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין יָארְן פַאר מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל זַאכְן אוּן סְגוּלוֹת, אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶע אִיךְ נָאכְנִישְׁט מַיין יְשׁוּעָה. אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזוּכְט וֶועמֶען אִיךְ דַארְף אַלְץ אִיבֶּערְבֶּעטְן, אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים אוּן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מַסֶּכֶת תַּעֲנִית יֶעדְן טָאג פוּן ט"ו בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ זִינְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת פוּן צַייט צוּ צַייט, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל גְּמָרָא, אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶענֶען דִי שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם פַארְשְׁלָאסְן.

אִיךְ שְׁפָּאר יֶעצְט גֶעלְט פַאר אַ טִיקֶעט, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, ווייל אִיךְ כָאטְשׁ פָארְן אִינְמִיטְן יָאר, אִיז מַיין שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ טוּן, זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ קַיין יַבְנְאֵל אוֹיסְצוּזָאגְן תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

ענְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ פָּארְן צוּ בֵּיידֶע, סַיי קַיין אוּמַאן אוּן סַיי קַיין יַבְנְאֵל; ווייל וֶוען מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה אִיז גֶעלְט קַיין אָפְּהַאלְט, מֶען טוּט אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט וָואס מֶען קֶען נָאר טוּן - בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

גֶעלְט טָאר נִישְׁט זַיין קַיין אָפְּהַאלְט פוּן פָּארְן קַיין אוּמַאן אוּן קַיין יַבְנְאֵל אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צוּ אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים; אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט זָאלְסְטוּ בָּארְגְן, מוֹהֲרַא"ש זָאגְט מֶען מֶעג בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָּארְן קַיין אוּמַאן. הֲגַם מוֹהֲרַא"ש הָאט אוּנְז זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ בָּארְגְן גֶעלְט, דָאךְ זָאגְט מוֹהֲרַא"ש אַז מֶען מֶעג בָּארְגְן אוּן מֶען זָאל בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, דֶער רֶבִּי זָארְגְט פַאר דִי שְׁפֶּעזְן, דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "אִיךְ זָארְג פַאר עֶנְקֶער שְׁפֶּעזְן, דִי וֶועג צוּ מִיר אוּן דִי וֶועג אַהֵיים".

יֶעצְט אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ פָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי גְרֶענִיץ אִיז פַארְמַאכְט, מֶען לָאזְט נִישְׁט אַרַיין קַיין חוּץ לָאָרֶץ'דִיגֶע בִּירְגֶער, יֶעצְט אִיז נָאר שַׁיָיךְ צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן; זָאלְסְטוּ קוֹדֶם פָּארְן קַיין אוּמַאן אוּן עוֹד חָזוֹן - וֶועסְטוּ פָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; עֶס אִיז פַאר דִיר אוֹיךְ דָא אַ שִׁידוּךְ, עֶס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַאר דִיר אַ פָּאר נָאךְ פוּן אֵיידֶער דוּ בִּיסְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן; בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט דַיין אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל אוּן אַ פֶערְטֶע מָאל אוּן טוֹיזְנְט מָאל - בִּיז דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען דַיין שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ צוּ מַאכְן שְׂמְחוֹת אָן הַארְץ וֵוייטָאג אוּן חוֹבוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ.

אִיךְ זֶע אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ; אַזוֹיפִיל עַסְקָנִים פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ קֶענֶען מַאכְן שִׂמְחוֹת מִתּוֹךְ שִׂמְחָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרַיינְפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת בַּיים חֲתוּנָה מַאכְן אַ קִינְד, מֶען פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל סָארְט עֵצוֹת אוּן תַּקָנוֹת, אָבֶער עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אִינְגַאנְצְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאבְן יְחִידִים זִיךְ גֶעוָואלְט אַליין שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִיס אוּן אָנְהוֹיבְּן מַאכְן שִׂמְחוֹת מִיט אַ גְרָאדְן שֵׂכֶל, עֶס הָאט זִיךְ אָבֶער אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, מֶענְטְשְׁן הָאבְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ. אִיךְ זֶע אָבֶער אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז יָא מַצְלִיחַ אִין זַיין קְהִלָּה אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הוֹיכְן סְטַאנְדַארְט, אִיר הָאט יָא הַצְלָחָה מִיט אַייעֶרֶע תַּקָנוֹת, דִי מְחוּתָּנִים זוּכְן נִישְׁט אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן דֶעם סִיסְטֶעם, אִיר גֵייט אָן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אִיז מַיין שְׁאֵלָה ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס? וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה אוּנְטֶער דֶעם? אִיז דָא אַן הָאפֶענוּנְג אַז אַנְדֶערֶע וֶועלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען נָאכְמַאכְן נָאכְ'ן דוּרְכְפַאלְן אַזוֹי סַאךְ מָאל?

אִיךְ טְרַאכְט פָּשׁוּט ווִי אַזוֹי אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען סְפְּרַאוֶוען בַּיי דִי חֲתוּנוֹת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ צִיטֶער פוּן דִי חוֹבוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט אָנְגֶערִירְט אַ פַּארְוֵוייטָאגְטֶע נוֹשֵׂא; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן פוּן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר שִׂמְחוֹת אִיז דָאס זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ.

אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר שִׂמְחוֹת אִיז אַ זַאךְ וָואס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ, דֶער שֵׂכֶל פַארְנֶעמְט דָאס נִישְׁט, עֶס אִיז אַ הִימְל גֶעשְׁרֵיי וָואס גֵייט פָּאר הַיינְטִיגֶע טֶעג; דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת וָואס עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען מֶען מַאכְט אַ שִׂמְחָה, גְלַייךְ אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מֶען מַאכְט אַ שִׁידוּךְ, נָאךְ פַאר וָואס, וֶוען, ווִי - אִיז מֶען שׁוֹין אַ בַּעַל חוֹב פוּן שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מְחוּתָּנִים גֵייעֶן צוּגְרִינְד, מְחוּתָּנִים וֶוערְן שְׁוֶוערֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת; אַנְשְׁטָאט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט זֵייעֶר שִׂמְחָה - גֵייעֶן זֵיי אַרוּם פַאר'דַאֲגָה'ט וואוּ זֵיי קֶענֶען שַׁאפְן דִי גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער וָואס עֶס קָאסְט צוּ קֶענֶען אוּנְטֶער פִירְן דֶעם קִינְד אוּנְטֶער דִי חוּפָּה שְׁטַאנְגֶען, זֵיי וֶוערְן קְרַאנְק הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי הַארְץ פוּן פְלֵייש אוּן בְּלוּט קֶען דָאס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען, עֶס הֶערְט אוֹיף קְלַאפְּן; מֶען הֶערְט לֵיידֶער אַזוֹיפִיל מַעֲשִׂיּוֹת וִוי מְחוּתָּנִים לֵייגְן זִיךְ צוּזַאמֶען בְּעֵת שִׂמְחָתָם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוֹיךְ אִיז דָאס גוֹרֵם אַז מֶען זָאל נִישְׁט טוּן שִׁידוּכִים מִיט דִי קִינְדֶער; עֶלְטֶערְן זֶענֶען מַפְקִיר דִי טֶעכְטֶער, מֶען שִׁיקְט זֵיי אִין אַן אָפִּיס אַרְבֶּעטְן זֵיי זָאלְן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, פַאר דִמְיוֹנוֹת אוּן כָּבוֹד הַמְּדֻמֶּה; עֶנְדֶערְשׁ וַוארְטְן אוּן נִישְׁט טוּן שִׁידוּכִים כְּדֵי צוּ קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן ווִי אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, וִוי אֵיידֶער צוּ טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער, טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס וָואס מִיר טוּעֶן אִין דִי לֶעצְטֶע יָארְן, מִיר מַאכְן חֲתוּנָה אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער בְּחִנָּם, עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן אָנְהֵייבּ שִׁידוּךְ בִּיז נָאךְ דִי חֲתוּנָה, הַכֹּל בַּכֹּל מִכֹּל כֹּל קוּמְט אוֹיס זִיבְּן אַכְט טוֹיזְנְט דָאלֶער; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאךְ, דָאס הָאט מוֹהֲרַא"שׁ אַיינְגֶעפִירְט מִיט צֶענְדְלִיגֶער יָארְן צוּרִיק אִין יַבְנְאֵל - דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטָאט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן בְּחִנָּם. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען, אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין לֶעבְּן פַאר דֶעם, עֶר אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן פַאר דֶעם; עֶר הָאט גֶעבּוֹיט אַ זַאל אוּנְטֶער דֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יַבְנְאֵל פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן אוּמְזִיסְט. עֶס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מֶען בֶּעט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר'ן זָאל; דִי סְעוּדָה וֶוערְט צוּגֶעשְׁטֶעלְט דוּרְךְ מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי נָאנְטֶע אוּן בַּאקַאנְטֶע בְּרֶענְגֶען דִי עֶסְן, יֶעדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אֵיינֶער אַ קוּגֶל, אַ צְוֵוייטֶער אַבִּיסְל רַייז, אַ דְרִיטֶער אַבִּיסְל לָאקְשְׁן מִיט מְזוֹנוֹת, עֶס אִיז גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם, צֶענְדְלִיגֶער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דָארְט בְּחִנָּם, לַאנְגֶע יָארְן הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעקֶענְט חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אָן קַיין חוֹבוֹת, אָן קַיין דַאֲגוֹת, אָן גָארְנִישְׁט; מֶען דַארְף

נִישְׁט בָּארְגְן, מֶען דַארְף נִישְׁט זָארְגְן, מֶען טוּט זִיךְ אָן דִי שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, אוּן מֶען גֵייט פְרֵיילִיכֶערְהֵייט צוּ דִי שִׂמְחָה.

בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער רָב וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט מִטַּעַם מְדִינַת יִשְׂרָאֵל אִין יַבְנְאֵל, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסֶר'ן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, דֶער רָב הָאט גֶעשְׁטֶערְט יֶעדֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ; וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעטוּן - הָאט עֶר חָרוּב גֶעמַאכְט, נִישְׁט גֶעוֶוען אַ זַאךְ אִין יַבְנְאֵל וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט; עֶר אִיז אַ גֶעלְט רָב, דִי מְדִינָה שְׁטֶעלְט רֶבְּ'לֶעךְ אִין אַלֶע דֶערְפֶער אִין שְׁטֶעט וָואס זַיי זֶענֶען אוּנְטֶער גֶעקוֹיפְט פַאר דִי מְדִינָה הַצִּיּוֹנוּת אוֹיסְצוּרַייסְן דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; פוּן דֶעמָאלְט הָאט מֶען אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן שִׂמְחוֹת אִין יַבְנְאֵל, לֶעצְטְנְס הֵייבְּט מֶען צוּרִיק אָן צוּ מַאכְן שִׂמְחוֹת בְּחִנָּם.

וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַמֶערִיקֶע הָאבְּן זִיךְ דֶערְזֶען מִיט זַיין אוּן טֶעכְטֶער אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, מֶען הָאט גֶעזֶען וָואס וַוארְט אוּנְז אָפּ, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז אָט אָט גֵייעֶן מִיר גֵיין צוּ דִי שְׁחִיטָה, מִיר גֵייעֶן אָנְהֵייבְּן מִיט חֲתוּנוֹת, מִיר גֵייעֶן דָאס נִישְׁט קֶענֶען נֶעמֶען; הָאבְּן מִיר מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז מִיר גֵייעֶן טוּן וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן, מִיר הָאבְּן נָאכְגֶעמַאכְט וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען אִין יַבְנְאֵל אוּן מִיר מַאכְן חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם.

אַלֶע וָואס בַּאטֵיילִיגְן זִיךְ בַּיי דִי שִׂמְחוֹת אִין יְשִׁיבָה זָאגְן בְּפֶה מָלֵא: "וָואס פֶעלְט פַאר דִי שִׂמְחָה? פַארְוָואס מַאכְט דָאס נִישְׁט מַיין רָב? פַארְוָואס טוּט דָאס נִישְׁט מַיין קְהִילָה? פַארְוָואס זָאלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן בַּיי אוּנְזֶער קִינְדֶערְ'ס שִׂמְחוֹת?" דָאס אִיז אַ קַשְׁיָא וָואס אַלֶע פְרֶעגְן אוּן דָאס אִיז טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶער קַשְׁיָא, פַארְוָואס זָאלְן מֶענְטְשְׁן לַיידְן אַזוֹיפִיל פְּלָאג וֶוען מֶען מַאכְט שִׂמְחוֹת?!

אֲפִילוּ עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן יָא גֶעלְט מֶעגְן אוֹיךְ נִישְׁט טוּן וָואס מֶען וִויל; מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר הָאבְּן אַ תּוֹרָה וָואס זָאגְט אוּנְז וָואס צוּ טוּן. אַז מֶען הָאט גֶעלְט אִיז מֶען נָאכְנִישְׁט בַּארֶעכְטִיגְט צוּ פַארְשְׁוֶועמֶען דִי גֶעלְט פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נֶעמֶען דִי גֶעלְט אוּן טוּן מִיט דֶעם צְדָקָה,

עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נֶעמֶען די אֲוֶועקְגֶעלֵייגְטֶע גֶעלְט און דָאס גֶעבְּן פַאר דִי פָּארְפָאלְק זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן מִיט מְנוּחַת הַנֶּפֶשׁ, זֵיי זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן אַ טָאג נָאךְ זֵייעֶר חֲתוּנָה אַרַיינְפַאלְן אִין דִי גֶעיֶעג פוּן דֶעקְן זֵייעֶר דִירָה וְכוּ׳.

וואוּיל אִיז דִי וָואס הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת, זֵיי מַאכְן זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, זֵיי גֵייעֶן צוּ דִי שִׂמְחָה מִיט גַּדְלוּת הַמּוֹחִין; דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, זֵיי לֶעבְּן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער און קִינְדְ׳ס קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין טַאטֶע גֶעבְּט מִיר נָאר פְּסָקִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה און סַיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא.

לֶעצְטְנְס בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִיט מַיין וַוייב עֶרְגֶעץ אוֹיף ווַאקַאצְיֶע, און וֶוען מַיין טַאטֶע הָאט גֶעהֶערְט דֶערְפוּן אִיז עֶר אַרַיינְגְעפַאלְן אִין אַ שְׁוֶוערֶע כַּעַס, עֶר הָאט גֶעהַאקְט קֶעגְן מִיר פַאר אַלֶע מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, און מִיר אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן און גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין מְשַׁנֶּה פוּן דִי מְסוֹרֶת הָאָבוֹת, אִיךְ בִּין אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא און אִיךְ בִּין אַ הוֹלֵךְ בַּעֲצַת אִשְׁתּוֹ שֶׁיּוֹרֵשׁ גֵיהִנוֹם.

זֵייעֶנְדִיג אַ וואוּלֶער בְּטֶבַע הָאב אִיךְ אִים אָנְגֶערוּפְן אִיבֶּערְבֶּעטְן, אִיךְ הָאב אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעווָאוּסְט פוּן דִי מְסוֹרָה, און עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר.

מַיין וַוייב הָאט מִיר כְּסֵדֶר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אִים אִיגְנָארִירְן, מִיר זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט און מִיר דַארְפְן נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן. אִיךְ בִּין אָבֶּער גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט און עֶרְלִיךְ, אִיךְ הָאב זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט פַאר אִיךְ בִּין גֶעפָארְן צִי עֶס אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְּלַאץ, און אַזוֹי וַוייטֶער. און אִיךְ ווִיל זֵייעֶר מְקַיֵּים

זַיין וַוייטֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם אַזוֹי וִוי פַאר דֶעם, אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוּן אָנְגֶעוֵוייטָאגְט.

אִיךְ הֶעלְף אַסאךְ אַרוֹיס מַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט גֶעלְט, מַיין טַאטֶע וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דֶעם נָאר מַיין מַאמֶע, אָבֶּער קַיין שְׁ'כּחַ בַּאקוּם אִיךְ נִישְׁט, נָאר אַ פְּסַק.

אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר אוֹיסְקְלָארְן אַבִּיסְל וָואלְט אִיךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר גֶעוֶוען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

מֶען זֶעט פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז; דוּ מֵיינְסְט אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַ גֶעלֶעכְטֶער.

לֵיידֶער לֶעבְּן מִיר אִין דִי צַייטְן פוּן עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט, וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט אוֹיסְקוּקְן פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען (סוֹטָה מט:): "בֵּן מְנַבֵּל אָב", קִינְדֶער וֶועלְן חוֹזֶק מַאכְן פוּן דִי טַאטֶע, "בַּת קָמָה בְּאִמָּהּ", דִי טֶעכְטֶער וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין קֶעגְן דִי מַאמֶע, "כַּלָּה בַּחֲמֹתָהּ", דִי שְׁנוּר וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין קֶעגְן דִי שְׁוִויגֶער וְכוּ'; מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין עֶלְטֶערְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז גָאר אַ הַארְבֶּע מִצְוָה, בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וֶוערְט דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אָנְגֶערוּפְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א): "חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת", כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין א, ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוֹמֵר, גָדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע וִוי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

כָּל הַכָּבוֹד אַז דוּ הֶעלְפְסְט דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער גֶעדֶענְק אַז דָאס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מִתְחַצֵּף צוּ זֵיי. חֲכָמֵינוּ

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה, שָׁם): "יֵשׁ שֶׁהוּא מַאֲכִיל אֶת אָבִיו פַּטּוּמוֹת", עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ קִינְד וָואס הָאלְט אוֹיס זַיין טַאטֶע, עֶר בְּרֶענְגְט אִים צוּ עֶסְן גֶעשְׁטָאפְּטֶע גֶענְז, "וְיוֹרֵשׁ גֵּיהִנָּם", מִיט דֶעם אַלֶעם וֶועט עֶר גֵיין אִין גֵיהִנוֹם, "וְיֵשׁ שֶׁהוּא מַטְחִינוֹ בָּרֵחַיִים", ווידֶער אִיז דָא אַמָאל אַ קִינְד וָואס מַאכְט זַיין טַאטֶע טוּן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, "וְיוֹרֵשׁ גַּן עֵדֶן", אוּן אִין דֶעם זְכוּת גֵייט עֶר אִין גַן עֵדֶן. אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, "מַעֲשֶׂה בְּאֶחָד שֶׁהָיָה מַאֲכִיל לְאָבִיו תַּרְנְגוֹלִים פְּטוּמִים", עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן זַיין טַאטֶע, דֶער טַאטֶע אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרְבֶּעטְן אוּן דֶער זוּן פְּלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג גֶעשְׁטָאפְּטֶע גֶענְז, "פַּעַם אַחַת אָמַר לוֹ אָבִיו, בְּנִי, הַלָּלוּ מִנַּיִן לְךָ", אֵיין טָאג פְרֶעגְט אִים זַיין טַאטֶע: פוּן וואוּ הָאסְטוּ אַזֶעלְכֶע גֶעשְׁמַאקֶע גֶענְז? "אָמַר לוֹ, זָקֵן, זָקֵן, אֱכֹל וּשְׁתוֹק, שֶׁהַכְּלָבִים אוֹכְלִים וְשׁוֹתְקִים", הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם טַאטְן מִיט גֶעשְׁפֶּעט: אַלְטֶער טַאטֶע, וָואס רֶעדְסְטוּ אַזוֹיפִיל? שְׁוַוייג אוּן עֶס, אֲפִילוּ הִינְט וֶוען זֵיי עֶסְן בִּילְן זֵיי נִישְׁט, פְרֶעג נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, עֶס אוּן שׁוֹין! "נִמְצָא מַאֲכִיל אֶת אָבִיו פַּטּוּמוֹת, וְיוֹרֵשׁ גֵּיהִנָּם", קוּמְט אוֹיס אַז אֵין הָכִי נַמֵּי, עֶר גֶעבְּט טַאקֶע צוּ עֶסְן דֶעם טַאטְן, אָבֶּער עֶר וֶועט בַּיים סוֹף גֵיין אִין גֵיהִנוֹם, וַוייל עֶר רֶעדְט מִיט חוּצְפָּה.

נָאכְדֶעם אִיז דָא אֵיינֶער וָואס נֶעמְט דֶעם טַאטְן צוּ אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט עֶר גֵיין אִין גַן עֵדֶן, ווִי אַזוֹי אִיז דָאס שַׁיָיךְ? אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, "מַעֲשֶׂה בְּאֶחָד שֶׁהָיָה טוֹחֵן בָּרֵחַיִים", עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעאַרְבֶּעט שְׁוֶוער בַּיי אַ מִיל, "שָׁלַח הַמֶּלֶךְ לְהָבִיא טוֹחֲנִים לַעֲבוֹדָתוֹ", אֵיין טָאג הָאט דֶער אִידְ'ס טַאטֶע בַּאקוּמֶען אַ בַּאפֶעל פוּנֶעם קֶענִיג עֶר זָאל קוּמֶען אַרְבֶּעטְן בַּיי אִים אִין פַּאלַאץ, "אָמַר לוֹ לְאָבִיו, אַבָּא, הִכָּנֵס וּטְחֹן תַּחְתַּי וַאֲנִי אֵלֵךְ לַעֲבוֹדַת הַמֶּלֶךְ", הָאט דֶער זוּן גֶעזָאגְט: טַאטֶע, נֶעם אִיבֶּער מַיין אַרְבֶּעט בַּיים מִיל אוּן אִיךְ וֶועל גֵיין אַנְשְׁטָאט דִיר אַרְבֶּעטְן בַּיים קֶענִיג, "אִם יַגִּיעַ לִידֵי בִּזָּיוֹן, אֶתְבַּזֶּה אֲנִי וְלֹא אַתָּה", כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט בַּיים קֶענִיג, [אָדֶער ווִי רַשִׁ"י זָאגְט (בַּבְלִי קִידּוּשִׁין לא:): "וַאֲנִי אֵלֵךְ תַּחְתֶּיךָ לַעֲבוֹדַת הַמֶּלֶךְ שֶׁאֵין לָהּ קִצְבָה"],

"נִמְצָא מַטְחִינוֹ בְּרֵחַיִים, וְיוֹרֵשׁ גַּן עֵדֶן", קוּמְט אוֹיס אַז דֶער הָאט גֶעמַאכְט זַיין טַאטְן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אוּן עֶר בַּאקוּמְט שְׂכַר אוֹיף דֶעם; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ הֶעלְפְן אַ טַאטֶע בְּלוֹיז מִיט גֶעלְט, וַוייל אוֹיב מֶען רֶעדְט מִיט עַזוּת וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ.

אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן הַאלְטְן דִיר פָּאר וְכוּ', זָאלְסְטוּ זֵיי אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן זֵיי זָאגְן אַז דוּ גֵייסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי מֶער נִישְׁט מְצַעֵר זַיין, אוּן אַז דַיין וַוייבּ ווִיל מִיט דִיר גֵיין זִיךְ אָפְּרוּעֶן וְכוּ', דַארְפְּסְטוּ זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט דַיין טַאטֶע, אִים וַוייזְן אַז דוּ טוּסְט אַנְדֶערְשׁ ווִי זַיין ווִילְן.

גְלֵייבּ מִיר, מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען מֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, צוּפְרִידְנְשְׁטֶעלְן דִי וַוייבּ אוּן אוֹיךְ טַאטֶע מַאמֶע; פַארְוָואס דַארְף מֶען מַאכְן מַחֲלֹקֶת? פַארְוָואס מוּז מֶען זָאגְן דִי עֶלְטֶערְן 'מִיר טוּעֶן וָואס מִיר ווִילְן'? מֶען קֶען דָאךְ טוּן וָואס מֶען טוּט אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל זֵיי מְצַעֵר זַיין!

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט קַיין וֶוערְטְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז אַז מִיר דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע; אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, כו): "כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַאפְן, אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת פוּן דִי תּוֹרָה.

...

**וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן וֶוען מַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער

אַלֶע סָארְט מִיאוּס'עֶ װֶערְטֶער אוּן קְלָלוֹת, זִי שְׁלָאגְט זֵיי פַאר יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אוּן װֶוען אִיךְ זָאג אִיר עֶפֶּעס דֶערְוֶועגְן שְׁרֵייט זִי אַז אִיךְ מַאךְ אִיר שְׁוֶוערֶער דָאס לֶעבְּן.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיב אֵיינֶע פוּן דִי קִינְדֶער מַאכְן זִיךְ נַאס בְּטָעוּת, קֶען זִי שְׁרֵייעְן אוֹיפְ'ן קִינְד: "דוּ קְלֵיינֶע בֶּעבִּי, שְׁלֶעכְט קִינְד, װִיפִּיל מָאל דַארְף אִיךְ דִיר זָאגְן נִישְׁט צוּ מַאכְן נַאס? אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין װֶועשׁ פַאר דִיר", אוּן דָאס גְלַייכְן. בִּכְלַל מַאכְט זִי אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט װָאס דִי קִינְדֶער טוּעֶן, אוּן אִיךְ גֵיי אוֹיס צוּצוּזֶען װִי מַיינֶע קִינְדֶער װֶוערְן גֶעפַּיינִיגְט טָאג טֶעגְלִיךְ, וּבִפְרַט װֶוען זֵיי קוּמֶען װֵויינֶען צוּ מִיר אַז מַיין װַוייבּ טְשֶׁעפֶּעט זֵיי, שְׁלָאגְט זֵיי אוּן פַארְשֶׁעמְט זֵיי.

אִיךְ בֶּעט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר הֶעלְפְן, װָאס זָאג אִיךְ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער? װָאס זָאג אִיךְ פַאר מַיין װַוייבּ? מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר זֵיי.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

װֶוען דַיין װַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת; זִי שְׁרֵייט נִישְׁט װַוייל זִי װִיל זֵיי װֵויי טוּן, זִי שְׁרֵייט פוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְטְקֵייט.

קֵיינֶער װֵוייסְט נִישְׁט װָאס פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער, מֶענֶער קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין װָאס פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי װֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר אוּן יְסוּרִים װָאס פְרוֹיעֶן הָאבְּן בַּיים מְגַדֵל זַיין דִי קִינְדֶער. דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי װַוייבּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם", פְרוֹיעֶן לַיידְן זֵייעֶר אַסַאךְ צַעַר אוּן יְסוּרִים פוּן דִי קִינְדֶער, "צַעַר הָעִבּוּר, וְהַלֵּדָה, וְהַגִּדּוּל", זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ װֵוייטָאג בַּיים װַוארְטְן, בַּיים גֶעבּוֹירְן אוּן בַּיים אוֹיפְצִיעֶן, "כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל, עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", אַזוֹי װִי עֶס אִיז בַּאוְוּסְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם זֵייעֶר װֵוייטָאג, זֵייעֶר צַעַר אוּן זֵייעֶר יְסוּרִים.

אַז דוּ ווילְסְט דַיין ווייבּ זָאל ווייניגֶער שְׁרַייעֶן אוֹיף זַיי - אִיז דָאס גֶעוָואנְדְן אִין דִיר; אַז דוּ וֶועסְט אִיר שְׁטַארְקְן, דוּ וֶועסְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִיר, אִיר בַּארוּאִיגְן - וֶועט זִי ווייניגֶער שְׁרֵייעֶן; זִי שְׁרֵייט ווייל זִי אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, זִי אִיז פַארְלוֹירְן, זִי קֶען נִישְׁט אַלֵיינְס טוּן אַלֶע אַרְבֶּעט.

מֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ בַּארֶעכְטִיג וָואס זִי טוּט, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף קִינְדֶער אוּן זִיכֶער נִישְׁט קֵיין מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער; אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער דִי אַלֶע מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער טוּט דָאס זַיי צֶעקְלַאפְּן אוֹיף זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זַיי וַואקְסְן אוֹיף אָן קֵיין זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ, זַיי וַואקְסְן אוֹיף דֶערְשְׁרָאקְן; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ, שְׁטַארְק אִיר; וֶועט זִי ווייניגֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, בַּיי אַלֶע קִינְדֶער פַּאסִירְט דָאס. מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען קִינְדֶער, בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם קֶען דָאס פַּאסִירְן וְכוּ'. גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז שְׁרֵייעֶן וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן; שְׁרֵייעֶן טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, שְׁרֵייעֶן טוּט נָאר אוֹיף אֵיין זַאךְ, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אוֹיס אוֹיף נִישְׁט קֵיין גוּטֶע וֶועג; פַארְקֶערְט, עֶס אִיז דָא אַ סְבָרָה אַז אוֹיבּ מֶען שְׁרֵייט וֶועלְן זַיי נָאכְמֶער דוּרְכְפַאלְן אִין דֶעם וְכוּ', ווייל קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שְׁוַואךְ, זַיי הָאבְּן ווייניג זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט - בַּיי זַיי פַּאסִירְט דָאס מֶער, זַיי שְׁפִּירְן נִישְׁט וֶוען זַיי דַארְפְן אַרוֹיסְגֵיין וְכוּ'.

וֶוען דַיין וַוייבּ פַארְלִירְט זִיךְ דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ מִיט שְׁטֵיין מִיט אִיר, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט קֵיין צַייט פַאר הֶסְבֵּרִים; דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אִיר וַוייזְן אַז מֶען אִיז מִיט אִיר, מֶען פַארְשְׁטֵייט אִיר; דֶעמָאלְט וִויל זִי נִישְׁט הֶערְן וָואס דִי זָאל זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן. דַארְפְסְט רֶעדְן מִיט אִיר אִין אַ רוּאִיגֶע צַייט, אִין אַ צַייט וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ, אָדֶער וֶוען זַיי שְׁלָאפְן, אָדֶער וֶוען אִיר זֶענְט אִין אַ רוּאִיגֶע צַייט, דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ אוֹיסְרוּמֶען דִי קִינְדֶער, ווִי גוּט זַיי זֶענֶען אוּן ווִי וואוֹיל זַיי זֶענֶען, אַז זַיי זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג וֶוען זַיי טוּעֶן דָאס וְכוּ', אוּן אַז עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן דִי שְׁרֵייעֶן.

וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אִיר זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט שֵׂכֶל, נִישְׁט אִיר בַּאשׁוּלְדִיגְן,

נָאר רֶעדְן פוּן דִי עֶצֶם גֶעדַאנְק אַז שְׁרֵייעֶן הֶעלְפְט נִישְׁט. אַז דוּ וֶועסְט איר בַּאשׁוּלְדִיגְן - וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, זִי וֶועט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְן אוֹיף דִיר, דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ וֶועט נָאר וֶוערְן עֶרְגֶער; רֶעד פוּן דִי גֶעדַאנְק אַז שְׁרֵייעֶן הֶעלְפְט נִישְׁט.

זַיי אִיר מְחַזֵּק אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר זֵיי אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן דִי זַאכְן, זָאג אִיר: "מִיר גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם בֶּעטְן יֶעדְן טָאג פַּאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן שׁוֹין זַיין וואוֹיל, זֵיי זָאלְן פָּאלְגְן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט דוּרְכְפַּאלְן מִיט דִי זַאךְ וְכוּ'"; מַאךְ מִיט אִיר אַ צַייט וֶוען אִיר גֵייט אִינְאֵיינֶעם זָאגְן תְּהִלִּים פַּאר דִי קִינְדֶער, וַוייל נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען זֶען אַ יְשׁוּעָה.

נָאכְאַמָאל, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, זִי וִויל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט; אַזוֹי אִיז בַּיי רוֹב פְּרוֹיעֶן וָואס הָאבְן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, זֵיי פַארְלִירְן זִיךְ, זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיבּ דֶער מַאן הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען עֶר אִיר הֶעלְפְן זִי זָאל נִישְׁט וֵויי טוּן דִי קִינְדֶער; אַז עֶר בּוֹיט אִיר אוֹיף, עֶר פַארְשְׁטֵייט אִיר, עֶר רֶעדְט צוּ אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט - טוֹישְׁט זִיךְ אַלֶעס צוּם גוּטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דֶער רֶבִּי צָאלְט צוּרִיק פַאר דִי וָואס הֶעלְפְן אִים**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט זַיין דֶער בַּעַל קוֹרֵא בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַארְ׳ן רֶבִּינְ׳ס בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת; עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טוּן פַארְ׳ן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שיד): ״הַפָּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד״, דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ צוּבְּרֶענְגֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, ״וִיקַנֵּא מְאֹד אֶת הַמְקֹרָבִים אֵלָיו״, אוּן אַלֶע וֶועלְן מְקַנֵּא זַיין מַיינֶע מְקוּרָבִים, ״מִכָּל שֶׁכֵּן אֶת מִי שֶׁזּוֹכֶה לְהוֹשִׁיט לוֹ וְכוּ׳״, בִּפְרַט דִי וָואס הֶעלְפְן מִיר אֲפִילוּ נָאר מִיט בְּרֶענְגֶען פֵייעֶר וְכוּ׳ (עַיֵּין בְּהַשְׁמָטוֹת); זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי צָאלְט צוּרִיק פַאר דִי וָואס הֶעלְפְן אִים.

לָאז גְרוּסְן אַלֶע חֲבֵרִים, אִיךְ הָאף אַייךְ אַלֶע צוּ זֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַנְדֶערֶע, אִיז מֶען מַצְלִיחַ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דוּ טְרָאגְסְט אַן אַחְרָיוּת; וָואס דוּ טוּסְט, דַיין אוֹיפְפִירוּנְג, דַיינֶע דִיבּוּרִים - אַלֶעס גֵייט אוֹיף מִיר.

דוּ הֶעלְפְסְט מִיר זֵייעֶר בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל, טַאקֶע דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט מִיט מֶענְטְשְׁן, וִוי אַזוֹי דוּ בַּאנֶעמְסְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק", דֶער וָואס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִיק, "צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק", דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן צַדִיק, "שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף אִים; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת, דִי שְׁטֶעטְל, דִי הַדְפָּסָה וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוֹיף דִי נְקוּדָה 'רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע, רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף אַנְדֶערֶע'; אַז מֶען פִירְט אַ קְהִלָּה דַארְף מֶען זִיךְ רֶעכְֶענֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס גֶעפִילְן, נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין קֵיינֶעם.

זָאג אַלֶע דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס זֵיי זָאלְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם פְּרָט, רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַלֶעמֶען; נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְן הַצְלָחָה, נָאר אַז מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַנְדֶערֶע - אִיז מֶען מַצְלִיחַ.

עֶס אִיז אַזוֹי קְלָאר דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז, מֶען דַארְף זַיין בְּלִינְד נִישְׁט צוּ זֶען וָואס דָא טוּט זִיךְ. יֶעצְט אִיז גֶעוָוארְן צְוֵויי יָאר פוּן וֶוען מִיר הָאבְן מְיַסֵּד גֶעוֶוען דֶעם שְׁטֶעטְל אוּן עֶס זֶעט שׁוֹין בַּאלְד אוֹיס וִוי אַ שְׁטָאט; עֶס קוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת וואוֹינֶען דָא אִין שְׁטֶעטְל, וִויפִיל הַייזֶער עֶס וֶועט זַיין - וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג פַאר דִי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס ווילְן זַיין אַ חֵלֶק אִין אוּנְזֶער קְהִלָּה.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מְחַיֶ' זַיין אַזוֹיפִיל מִשְׁפָּחוֹת מִיט אַ שֶׁפַע פוּן עֶסְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּשֵׁם כָּל הַקָּהָל הַקּוֹדֶשׁ הַזֶּה דְּרוּקְן מִיר אוֹיס אוּנְזֶער הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר'ן צוּשְׁטֶעלְן אַזַא שֶׁפַע פוּן עֶסְן; דוּ וָואלְסְט גֶעדַארְפְט דָא זַיין אוּן זֶען וִוי צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת קוּמֶען נֶעמֶען פוּן דִי גוּטֶע עֶסְן, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ' גֶעוֶוען, וְגַם אֲנִי בְּתוֹכָם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בַּאצָאלְן פַאר דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט כְּסֵדֶר מִיטְ'ן הֶעלְפְן אִידִישֶׁע הוּנְגֶערִיגֶע נְפָשׁוֹת, וּבִזְכוּת דַיינֶע אַנְדֶערֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים - זָאלְסְטוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער.

אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר שׁוֹין וִויל אִיךְ דִיר דֶערְמַאנֶען זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה נג, ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כה): "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ, וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן" - אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת לָאָדָם, וֶוען זֶעט מֶען דִי שְׁמֵייכְל פוּן דִי תּוֹרָה? "הֱוֵי לְיוֹם אַחֲרוֹן", דֶעם לֶעצְטְן טָאג, וֶוען מֶען וֶועט אוּנְז אוֹיסְטוּן דִי קְלֵיידֶער אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין קֶבֶר, מֶען וֶועט צוּדֶעקְן דֶעם קֶבֶר מִיט עֶרְד, דֶעמָאלְט וֶועט אַפִילוּ קוּמֶען דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט וֶועט זַיין "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן", דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַרַיינְכַאפְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

אִיךְ הָאף דוּ קוּמְסְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין טִיקֶעטְס פַאר מִיר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, דִי פַּאסְפָּארְטְן זֶענֶען גְרֵייט, מִיר וַוארְטְן שׁוֹין צוּ פָארְן.

...

## עֶס גְלַאנְצְט אוּן עֶס בְּלִיטְשְׁקֶעט, אָבֶער דֶער סוֹף אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ קוּק אַזוֹי אַרוֹיס אוֹיף דִיר, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ טְרַאכְט שׁוֹין אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר דִיר; יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַ טֶעלֶעפָאן, דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ נִישְׁט גוּטֶע וֶועג, הָאסְט זִיךְ גֶעטְרָאפְן חֲבֵרִים וָואס שְׁלֶעפְּן דִיר אַרָאפּ; אַ שָׁאד, אַ שָׁאד, אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט נִישְׁט שְׁטַארְק צוּ זָאגְן "נֵיין" פַאר'ן יֵצֶר הָרָע.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם נִישְׁט אִין הַאנְט קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, אֵייפֵּאד וְכוּ' וְכוּ', עֶס גְלַאנְצְט אוּן עֶס בְּלִיטְשְׁקֶעט, אָבֶער דֶער סוֹף אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, דוּ וֶועסְט זִיךְ חַבְרְ'ן מִיט בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, רֶעדְן נִישְׁט קַיין מִיאוּס'ֶע רֵייד - וֶועסְטוּ טְרֶעפְן שְׁנֶעל דַיין שִׁידוּךְ; דוּ וֶועסְט בְּרֶענְגֶען נַחַת פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נַחַת פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן נַחַת פַאר דִיר אַלֵיינְס.

בַּארֶעכְן זִיךְ, זַיי נִישְׁט נַארִישׁ; עֶס וַוארְט דִיר אַ שֵׁיינֶע עָתִיד.

...

## מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אִין דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ זֶע דוּ הָאסְט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, דוּ הָאסְט גֶעבָּארְגְט אַ טֶעלֶעפָאן פוּן אֵיינֶעם אוּן גֶעזֶען ווִי יֶענֶער שְׁרַייבְּט זִיךְ מִיט אַ גְרוּפּ פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אָפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן, רַחֲמָנָא לִצְלָן; דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעטוּמְלְט 'וָואס גֵייט דָא פָאר? וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?'

וויסן זָאלְסְטוּ אַז מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר זֵייעֶר גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען פְּרוּבִּירְט אוּנְז אוֹיס מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט בָּחוּרִים, אוֹיף זֵיי אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת. קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי, זֵיי ווילְן זַיין עֶרְלִיךְ, זֵיי וִוילְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אָבֶּער זֵיי קֶענֶען נִישְׁט. זֵיי הַאלְטְן אוּן אֵיין פַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד, פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן; עֶס זֶענֶען דָא וָואס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אִין נַשְׁגַ"ז רַחֲמָנָא לִצְלָן, רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבָן; נִישְׁט אַז זֵיי ווילְן דָאס, זֵיי פַאלְן אִין דֶעם בְּאוֹנֶס, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע.

אַז דוּ הָאסְט דָאס גֶעזֶען, דוּ הָאסְט גֶעזֶען ווִי מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אָפּ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן - וַוייזְט מֶען דִיר פוּן הִימְל דוּ זָאלְסְט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זֵיי, דוּ זָאלְסְט טוּן עֶפֶּעס פַאר זֵיי, פְּרוּבִּירְן מַאכְן שִׁידוּכִים, רֶעדְן מִיט זֵיי, רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן זוּכְן גוּטְס בַּיי אַנְדֶערֶע, מִיר זָאלְן דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ אַ רָשָׁע גָמוּר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב). מוֹהֲרַאְ"ש הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְקוּמֶען אִין בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, אִיךְ וֶועל מַאכְן אַ רַעשׁ אוּן אַ טוּמְל מֶען זָאל נִישְׁט דַן זַיין בָּחוּרִים לְכַף חוֹבָה וַוייל זֵיי ווִילְן אַלֶע זַיין גוּט, זֵיי ווילְן חֲתוּנָה הָאבְּן, זֵיי ווִילְן זַיין גַאנְץ, כָּל זְמַן זֵיי זֶענֶען אַלֵיינְס - פַאלְן זֵיי".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קוּק גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם; כָּל זְמַן מֶען זֶעט שְׁלֶעכְטְס - אִיז מֶען נִישְׁט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לא:) חַנָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר עֵלִי הַכֹּהֵן: "לֹא אָדוֹן אַתָּה, לַאו אִיכָּא שְׁכִינָה וְרוּחַ הַקֹּדֶשׁ גַּבָּךְ, שֶׁדַנְתַּנִי לְכַף חוֹבָה וְלֹא דַנְתַּנִי לְכַף זְכוּת", עֶס קֶען נִישְׁט זַיין דוּ הָאסְט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז דוּ קוּקְסְט שְׁלֶעכְט אוֹיף מִיר.

אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, זֵיי פַאלְן נֶעבֶּעךְ אוּמְוֶועלְנְדִיג; זֵיי ווילְן זַיין גוּט.

...

**מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּיי אוּנְז גְרֵייט מֶען זִיךְ שׁוֹין צוּם נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מֵיין נִישְׁט עֶס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ דָאס פָארְן קַיין אוּמַאן, עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן - וֶוערְן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוֹיס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֶעְדַּר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

דִי יָאר אִיז אַנְדֶערְשׁ, מֶען קֶען פָארְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת - מַמָּשׁ עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָדֶער קֶען מֶען פָארְן פַאר שַׁבָּת; טוּ וָואס עֶס אִיז דִיר גְרִינְגֶער. מַאךְ דַיינֶע

פְלֶעגֶער אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

בְּרֶענְג מִיט אַלֶע דַיינֶע אִינְגְלֶעךְ פוּן זִיבְּן יָאר אוּן עֶלְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דֶער נַייעֶר וֶועג, וָואס פִירְט צוּם אַלְטְן וֶועג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִויפִיל הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה וֶועכְנְטְלִיךְ. אִיךְ בַּאקוּם בְּרִיוו פוּן אַזוֹיפִיל מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֵיי זָאגְן אַז דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קוּנְטְרֵסִים וָואס עֶרְשֵׁיינְט וֶועכְנְטְלִיךְ - דָאס אִיז זֵייעֶר וֶועג וַוייזֶער אִין לֶעבְּן; זַייט זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקוּמֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים נֶעמֶען זֵיי נִישְׁט אַריין אִין שְׁטוּבּ קַיין שוּם פְּרֶעמְדֶע לֵיין מַאטְרִיַאל, זֵיי נֶעמֶען זֵייעֶר הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי שְׁטוּבּ - פוּן דִי קוּנְטְרֵסִים.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס כְּדֵי דוּ זָאלְסְט וִויסְן וָואס דוּ טוּסְט; זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין אֵיין רֶגַע אָפְּצוּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מַגִּיהַ זַיין אוּן אוֹיסְשְׁטֶעלְן דִי קוּנְטְרֵסִים עֶס זָאל זַיין גְרֵייט אִין צַייט יֶעדֶע וָואךְ.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב עֶנְדִיגְן דִי סְפָרִים אִישׁ אֱמוּנוֹת פוּן שְׁנַת תש״פ, דָאס וֶועט מְחַזֵּק זַיין אַזוֹיפִיל מִשְׁפָּחוֹת; עֶס אִיז דָא דָארְט חִיזוּק פַאר אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, פַאר אַלֶע אִיבֶּערְגֵייאַכְטְס.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי ׳קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה׳, דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי׳ן וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר׳ן בַּעַל עֲגָלָה: ״אִיךְ גֵיי אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג, וָואס דִי נֵייעֶ וֶועג פִירְט צוּם אַלְטְן וֶועג״.

**דִי נֵייעֶ וֶועג פִירְט צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג**

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע

גוּטֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים; וֶוער ווִיל הֶערְן דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן ווִי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אִין וֶועג אוּן אִינְמִיטְן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער פָארְן, דִי וֶועג אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶעלֵייגְט מִיט וֶועגֶענֶער, דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעקֶענְט מִיט זַייטִיגֶע וֶועגְן, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעדְרֵייט דִי פֶערְד זָאלְן אַרַיין פָארְן אִין וַואלְד אוּן עֶר זָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "אִיךְ נֶעם אַ נֵייעֶם וֶועג, אָבֶער בַּאלְד וֶועט אִיר זֶען ווִי דִי נֵייעֶ וֶועג פִירְט צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר צוּפֵייעֶרְט גֶעוָוארְן, דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן: "דָאס טוּ אִיךְ, אִיךְ בִּין אַרָאפּ פוּן וֶועג, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַ נֵייעֶם וֶועג, אָבֶער דִי נֵייעֶ וֶועג פִירְט צוּ דִי גָאר אַלְטֶע וֶועג, דִי וֶועג וָואס אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען; בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג פוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים, וֶוער עֶס הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַ צַדִּיק הָאט גֶענוּמֶען דִי וֶועג פוּן טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, פַאסְטְן אוּן זִיךְ פַּייניגְן, אָבֶער יֶעצְט, זָאגְט דֶער רֶבִּי, הָאבּ אִיךְ אַ נֵייעֶם וֶועג, אַ וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה; וֶוער עֶס ווִיל זַיין אַ צַדִּיק דַארְף שׁוֹין נִישְׁט פַאסְטְן, דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

אַלֶע קִינְדֶער ווֵייסְן שׁוֹין יֶעצְט ווִי אַזוֹי מֶען וֶוערְט אַ צַדִּיק; אַז מֶען רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אִין דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז גֶעווֶואוֹינְט צוּ רֶעדְן, מֶען בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִּיק", אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט צוּהֶערְן צוּם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל נָאר צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, זַייט פְרֵיילִיךְ; לָאזְט אַייךְ נִישְׁט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל אַייךְ צֶעבְּרֶעכְן, הֶערְט נִישְׁט צוּ וָואס עֶר זָאגְט אַייךְ. וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין עֶקְלְדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס ווִילְן אַייךְ אַרָאפְּוַוארְפְן, דִי מַחֲשָׁבוֹת זָאגְן אַייךְ 'דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד' - זָאלְט אִיר זֵיי נִישְׁט צוּהֶערְן.

הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט אַז אִיר זֶענְט יָא וֶוערְד, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח): "גִיוַואלְד! קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן!"

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן, אִיךְ זָאג אִים יֶעדְן טָאג ווִי גְלִיקְלִיךְ עֶר אִיז אַז עֶר הָאט אַייךְ פַאר אַ וַוייבּ. אִיר זֶענְט זֵייעֶר ווָאוּיל אוּן זֵייעֶר טֵייעֶר, דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן ווִי שֵׁיין אִיר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, עֶר ווִיל אַייךְ צֶעבְּרֶעכְן, חַס וְשָׁלוֹם; עֶס וֶועט אִים סַיי ווִי נִישְׁט גֵיין, דֶער רֶבִּי אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן זֵיי.

...

## הַכְתָּרַת הַדַּיָּן וּמוֹרֶה צֶדֶק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַאכְן מִיר אַ 'מַעֲמָד הַכְתָּרָה' אוֹיפְצוּנֶעמֶען אוּנְזֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי יוֹנָה שְׁלִיטָ"א זָאל מְשַׁמֵּשׁ זַיין פַאר דַיָּן אוּן מוֹרֶה צֶדֶק בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִלָּה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

דֶער מַעֲמָד וֶועט פָארְקוּמֶען זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, אִינֶעם בִּנְיָן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה אִין לִיבֶּערְטִי.

אִיךְ ווִיל דִיר לַאדֶענֶען, דִיר אוּן דַיין בְּנֵי בַּיִת מִיט דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה, זָאלְן

זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן בַּיי דִי הַכְתָּרָה.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער פְּרָטִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען פַארְלִירְט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ אַז מֶען אִיז עֶרְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי אַלֶע וָואס סְטְרַאשֶׁען אַז מֶען קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין שִׁידוּךְ אוֹיבּ מֶען אִיז מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן - דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, מֶען פַארְלִירְט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ אַז מֶען אִיז עֶרְלִיךְ, מֶען פַארְלִירְט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ דוּרְךְ עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם; עֶס אִיז אַ נִסָּיוֹן וָואס פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער.

דִי שְׁאֵלָה אִיז, פַארְוָואס דַארְף מֶען זָאגְן פַאר'ן שַׁדְכָן אַז מֶען אִיז מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן? וֶוער דַארְף וִויסְן אַז מֶען הֶערְט שִׁיעוּרִים? בִּפְרָט פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ, בַּיי זֵיי אִיז דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט שַׁיָיךְ מֶען זָאל וִויסְן אַז זֵיי הָאבְּן חַיוּת פוּן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט שְׁטֶערְן.

בַּיי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט אִיז דָא אוּמַאן, אֵיינְמָאל אַ יָאר דַארְף מֶען פָארְן קַיין אוּמַאן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן קוּמֶען צוּ אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן, דֶעמָאלְט קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹד אַז מֶען אִיז בְּרֶסְלֶב (מֶען קֶען דָאס אוֹיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט שֵׂכֶל), אָבֶּער בַּיי פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ אִיז נִישְׁטָא קַיין אוּמַאן.

דִי שְׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ צוּ אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים וָואס וֵויינֶען אַז מֶען רוֹדְפְ'ט זֵיי; וֶוער הֵייסְט אַייךְ זָאגְן אִיר זֶענְט בְּרֶסְלֶב? וֶוער הֵייסְט אַייךְ מַאכְן מַחֲלֹקֶת? דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים זֶענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ זַייעֶר צוּהִיצְט, זֵיי וִוילְן נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה, זֵיי אַלֵיינְס מַאכְן זִיךְ דִי מַחֲלֹקֶת.

יֶעצְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אַ מִשְׁפָּחָה אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי קִינְדֶער

אִין קֶעמְפּ, דִי אִינְגְלֶעךְ מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר וֵויינֶען אַז דִי מוֹסָד וואו זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אַ גַאנְץ יָאר הָאט זֵיי אַיינְגֶעמָאלְדְן אַז מֶען נֶעמְט נִישְׁט צוּרִיק זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וַוייל זֵיי זֶענֶען זוּמֶער אִין בְּרֶסְלֶב. מִיר הָאט דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, פַּארְוָואס זָאל מֶען אַרוֹיסְוַוארְפְן קִינְדֶער פוּן מוֹסְדוֹת אוֹיבּ זֵיי קוּמֶען זוּמֶער אִין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר קֶעמְפּ?! אִיךְ הָאבּ אוּנְטֶערְגֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם, אַ מִשְׁפָּחָה פוּנֶעם מְנַהֵל דָארְט, פְּרֶעגְן פַּארְוָואס טוּט מֶען דָאס צוּ בְּרֶסְלֶב, בִּיז עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב, עֶס זֶענֶען דִי פְּרִישֶׁע מְקוּרָבִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, זֵיי רֵייצְן זִיךְ. דֶער מְנַהֵל זָאגְט, פַּארְיָאר זֶענֶען דִי קִינְדֶער גֶעוֶוען אִין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר קֶעמְפּ, נָאכְן זוּמֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן דִי מוֹסָד וואו זֵיי לֶערְנֶען, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "בְּרֶסְלֶב אִיז דִי אֱמֶת", "נָאר בְּרֶסְלֶב", "אַלֶעס חוּץ בְּרֶסְלֶב אִיז שֶׁקֶר"; עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ מַהְפֵּכָה אִינֶעם מוֹסָד, הָאט דִי הַנְהָלָה בַּאשְׁלָאסְן אַז אוֹיבּ דִי קִינְדֶער גֵייעֶן נָאכְאַמָאל צוּ בְּרֶסְלֶב, זָאלְן זֵיי בְּלַייבְּן בַּיים אֱמֶת, זֵיי זוּכְן נִישְׁט קִינְדֶער וָואס וֶועלְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן זֵייעֶר מוֹסָד.

דָאס אִיז אוֹיךְ דִי סִיבָּה פַּארְוָואס יְשִׁיבוֹת וַוארְפְן אַרוֹיס בָּחוּרִים וָואס פָּארְן קַיין אוּמַאן; וַוייל דִי בָּחוּרִים, דִי פְּרִישֶׁע מְקוּרָבִים - זֶענֶען צוּהִיצְט, זֵיי שְׁטוּרֶעמֶען זֵייעֶר יְשִׁיבָה מִיט בְּרֶסְלֶב, בִּיז מֶען וַוארְפְט זֵיי אַרוֹיס; וָואלְטְן זֵיי גֶעהַאט שֵׂכֶל זִיךְ נִישְׁט צוּ רֵייצְן מִיט קֵיינֶעם - וָואלְטְן זֵיי גֶעקֶענְט זַיין אִין יְשִׁיבָה אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל זֵיי רוֹדְפְ'ן, זֵיי וָואלְט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן; פַּארְוָואס אִין דֶער וֶועלְט דַארְף מֶען זִיךְ רֵייצְן מִיט אַנְדֶערֶע? דֶערְפַּאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַּארְוָואס דֶער שַׁדְכָן דַארְף וִויסְן אַז מֶען שֶׁעפְּט חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי חֵשֶׁק אוּן בְּרֶען פוּן אָנְהֵייבּ הִתְקָרְבוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן-נַחֲמוּ, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן יְרוּשָׁלַיִם, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַבִּיסְל פוּן אַייךְ; שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן קַיין בְּרִיוו. אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר בְּרִיוְון פוּן אַייךְ וִוי אִיר בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן, זַייט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, גְלֵייבְּט מִיר אִיךְ וִויל אַייךְ נָאךְ מֶער שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ וֶוער כְּסֵדֶר פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן אוּן דָאס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט. יֶעצְט הָאט מִיר אֵיינֶער פוּן דִי גַבָּאִים, ... נֵרוֹ יָאִיר נָאכְאַמָאל גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל שְׁרַייבְּן, הָאבּ אִיךְ אַלֶעס גֶעלֵייגְט אִין דֶער זַייט אַייךְ צוּ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי חֵשֶׁק אוּן בְּרֶען פוּן אָנְהֵייבּ הִתְקָרְבוּת. בְּדֶרֶךְ כְּלָל וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן - גֵייט דָאס מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בְּרֶען, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פַייעֶר, אוּן בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעקִילְט, מֶען דַארְף כְּסֵדֶר צוּלֵייגְן אוֹיל צוּם פַייעֶר כְּדֵי דִי פַייעֶר זָאל וַוייטֶער בְּרֶענֶען. וָואס אִיז דִי אוֹיל וָואס מַאכְט אַז דִי פַייעֶר זָאל וַוייטֶער בְּרֶענֶען? דָאס זֶענֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; כָּל זְמַן מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין פַארְנֶעם - אִיז דָאס אוֹיל צוּם פַייעֶר, אַז דִי פַייעֶר זָאל וַוייטֶער בְּרֶענֶען; כָּל זְמַן מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט מֶען כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּהַאלְטְן, מֶען וֶוערְט פְרִישֶׁער אוּן פְרִישֶׁער, אָבֶּער אַז מֶען לָאזְט אָפּ דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מֶען הֶערְט אוֹיף גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת - דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען אַלְט אוּן קַאלְט.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "וָואס אִיז דֶער חִילּוּק צְוִוישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוּן אַנְדֶערֶע? בְּדֶרֶךְ כְּלָל וֶוען אַ בָּחוּר טְרֶעפְט אַ מַשְׁפִּיעַ, עֶר הָאט שַׁייכוּת מִיט אַ גוּטְן אִיד, וִוילַאנְג עֶר אִיז נֶעבְּן דֶעם מַשְׁפִּיעַ - הָאט עֶר שַׁייכוּת מִיט אִים, עֶר בְּרֶענְט פַאר אִים, עֶר אִיז אִים מְשַׁמֵּשׁ וְכוּ' וְכוּ' אָבֶּער וֶוען עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן יֶענֶעם,

ער הָאט חֲתוּנָה, ער צִיט זִיךְ צוּ אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ וְכוּ' וְכוּ' - עֶנְדִיגְט זִיךְ אַלֶעס, דָאס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ פֵייעֶר וָואס פְלַאקֶערְט אוֹיף, אָבֶּער נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט פַארְלֶעשְׁט זִיךְ דָאס", און מוֹהֲרַ"אַ"שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט און מִיר גֶעזָאגְט, אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אַרַיינְלֵייגְן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אִין דִי תַּלְמִידִים - וֶועט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן דִי פֵייעֶר, "אֲפִילוּ זֵיי וֶועלְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר וֶועלְן זֵיי אַלְץ הָאבְּן אוֹיל פַאר זֵייעֶר פֵייעֶר, וַוייל דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן אִיז אוֹיל, עֶס פַארְלֶעשְׁט זִיךְ נִישְׁט; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט 'מַיין פֵייעֶר'ל וֶועט שׁוֹין בְּרֶענֶען און טְלִיעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען'".

אִיךְ בֶּעט אַייךְ טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת; עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, יֶעדְן אֵיינֶעם פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט): יֶעדֶער אֵיינֶער לַיידְט יְסוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יְסוּרִים, אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט יְסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד, קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֵוייניג און פוּל מִיט וֵויטָאג, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט כַּעַס און וֵויטָאג; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן - נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי תּוֹרָה, נֶעמֶען דִי פְּלָאג פַאר גוּטֶע זַאכְן, דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם, כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנּוֹם כִּי כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד", אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶּה', וַוייל דָא אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה, דָא אִיז דֶער גֵיהִנּוֹם אַלֵיין, וַוייל יֶעדֶער אִיז פוּל מִיט יְסוּרִים, נִישְׁטָא קַיין עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, נָאר אַז מֶען אַנְטְלוֹיפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ שָׁאד אוֹיף דִי וָואס קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי לוֹיפְן אַוֶועק אִינְמִיטְן עֶסְן דִי מָרוֹר; וָואלְטְן זֵיי גֶעוַוארְט נָאךְ אַבִּיסְל וָואלְטְן זֵיי גֶעהַאט פוּן דִי גוּטֶע שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (כּוֹכְבֵי אוֹר, סִיפּוּרִים נִפְלָאִים): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵיידְט מִיט

אָרֶעמֶעלַייט און עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי דִי אִידְן שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ אַז בַּאלְד קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח; דֶער גוֹי הָאט זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט וָואס אִיז פֶּסַח, מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט ווִי שֵׁיין דֶער יוֹם טוֹב אִיז, מֶען פְּרַאוֶועט אַ סֵדֶר, און אַלֶע אִידְן - אֲפִילוּ אָרֶעמֶעלַייט - עֶסְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע רַייכֶע סְעוּדָה; מֶען זִיצְט בַּיים טִישׁ ווִי קֶענִיגְן, מֶען עֶסְט, מֶען טְרִינְקְט און מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ. דֶער גוֹי טְרַאכְט צוּ זִיךְ 'אִיךְ מוּז דָאס אוֹיסְפְּרוּבִּירְן; אִיךְ וֶועל זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן ווִי אַ אִיד אַז אִיךְ זָאל כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן הָאבְּן אַ גוּטֶע סְעוּדָה'.

פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט זִיךְ דֶער גוֹי אַיינְגֶעלַאדְנְט בַּיי אַ אִיד צוּם סֵדֶר; מֶען הֵייבְּט אָן דִי סֵדֶר, עֶר וַוארְט צוּ עֶסְן דִי פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מָרוֹר און עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן דַיין הוּנְגֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'מֶען הָאט מִיר דָא אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט, דִי אִידְן הָאבְּן מִיר פַארְנַארְט, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דִי סְעוּדָה און מֶען דְרֵיידְט אַרוּם מִיט מִיר', עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט און אִיז אַנְטְלָאפְן פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיינֶע חֲבֵרִים הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט אוֹיסְהוּנְגֶערְן בִּיז מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שַׁארְפֶע עֶסְן וְכוּ' וְכוּ', הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט אַנְטְלָאפְן פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, וֶוען דוּ וַוארְטְסְט וֶוען אוֹיס נָאךְ אַבִּיסְל וָואלְסְטוּ גֶעהַאט אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט כְּדֵי אוּנְז מְחַזֵק זַיין מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וָואס מִיר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן אוֹיסְוַוארְטְן, וַוייל אַז מֶען וַוארְט אוֹיס מִיט גֶעדוּלְד, מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן.

טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גֶעדֶענְקְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי בַּת מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן שֵׁנִי לַמַּלְכוּת (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א): "עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר און אוֹיף מִיר, נָאךְ אַזוֹי לַאנְג וָואס דוּ זוּכְסְט מִיר, נָאךְ אַזוֹיפִיל יְגִיעוֹת און טִרְחוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ אַזוֹיפִיל גֶעפְּלָאגְט און גֶעמוּטְשֶׁעט מִיר אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, און יֶעצְט וֶועגְן אֵיין נִסָּיוֹן הָאסְטוּ מִיר פַארְלוֹירְן", עַיֵּין שָׁם; לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי רָצוֹן, דִי בֶּענְקֶענִישׁ; אֲפִילוּ מֶען זֶעט ווִי עֶס רוּקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס גֵייט נִישְׁט, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער דִי

נִסְיוֹנוֹת - זָאלְט אִיר וַוייטֶער זוּכְן דִי בַּת מֶלֶךְ; זוּכְן עֵצוֹת, וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן - אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע.

יֶעצְט אִיז אַ יָאר פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אוּנְזֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִיז דָאס נָאר דִי אָנְהֵייבּ, עֶס וֶועט נָאךְ צוּאוַואקְסְן וֶוערְן אִין אַ גְרוֹיסֶע קְהִילָה; בֶּעט אִיךְ אַייךְ טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, הַאלְט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם, פַּארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דִי אֵיין נְקוּדָה, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט בַּיי אַנְדֶערֶע; אֲפִילוּ אִיר זֶענְט אַלֶע אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער הָאט אַן אַנְדֶערֶער טַעַם, אַן אַנְדֶערֶער שֵׂכֶל - קֶען מֶען בַּאוַוייזְן צוּ זַיין אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם.

זַייט מִתְפַּלֵל מִיר זָאלְן אַלֶע זַיין אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס, מִיט תְּפִלָּה וֶועלְן מִיר זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ דַארְף עֶנְדִיגְן וַוייל דִי בָּחוּרִים שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן אוֹיף מִיר, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזוּק; אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר שׁוּרוֹת וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַבִּיסְל כֹּחַ אוֹיף וַוייטֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת.

...

**תְּ'פִתַּח שַׁ'עֲרֵי בֵּ'ית פֵּ'יגָא**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן-נַחֲמוּ, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

נֶעכְטְן זֶענֶען מִיר גֶעזִיצְן אוֹיסְצוּפְּלַאנִירְן דִי סְקוּל פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר תשפ"ב, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַייעֶר נָאמֶען, אַז אִיר גֵייט זַיין לֶערֶערִין קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אִין בֵּית פֵּיגָא לִיבֶּערְטִי.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הָאבְּן טִיטְשֶׁערְס ווִי אַייךְ, וָואס זֶענֶען צְנִיעוּת'דִיג אוּן הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין צְנִיעוּת, אַזוֹי וֶועט דָאס אִיבֶּערְגֵיין צוּ דִי תַּלְמִידוֹת.

תשפ"ב אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת תְּ'פְתַּח שַׁ'עֲרֵי בֵּ'ית פֵּ'יגָא; מִיר עֶפֶּענֶען דִי יָאר נָאךְ אַ סְקוּל אִין קִרְיַת יוֹאֵל נָאכְן הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי חֵדֶר.

מִיר פִירְן דִי סְקוּל לוֹיט דִי אָנְוַוייזוּנְגֶען פוּן הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אֵיידֶער מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעעֶפֶנְט דִי סְקוּל אִין יַבְנָאֵל אִיז עֶר גֶעזֶעצְן מִיט ר' בִּנְיָמִין הֶערְשׁ בֶּערְקָאוִויטְשׁ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, מְנַהֵל פוּן בֵּית רָחֵל, הֶערְן פוּן אִים וִוי אַזוֹי דֶער סַאטְמַאר רֶבִּי הָאט אִים גֶעלֶערְנְט פִירְן אַ סְקוּל.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן דִי סְקוּל בֵּית פֵּיגָא אַזוֹי גֶעטְרֵיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן-נַחֲמוּ, יָ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן דִי סְקוּל בֵּית פֵּיגָא אַזוֹי גֶעטְרֵיי, אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זַיין סֶעקְרִיטֶערִי פַאר דִי סְקוּל אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג.

...

## טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן לִיבּ אִידִישְׁקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן-נַחֲמוּ, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

נֶעכְטְן זָאגְט מִיר דִי מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ' אַז זִי הָאפְט אִיר וֶועט בְּלַייבְּן טִיטְשֶׁער פַאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, ווַייל אִיר זֶענְט זֵייעֶר אַ גוּטֶע טִיטְשֶׁער, אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ זַיין אַ אִיד.

איך דאַרף אַזעלכֶע טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן לִיבּ אִידִישְׁקֵייט, אִיךְ דַארְף טִיטְשֶׁערְס אִין סְקוּל וָואס וֶועלְן אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת; דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן מִיר אַז זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף צְנִיעוּת בַּיי דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אָבֶער דִי קִינְדֶער ווִילְן צְנִיעוּת, דִי קִינְדֶער וֵויינֶען אוּן זָאגְן: "מַאמִי, דִי קְלֵייד אִיז נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג".

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע אַרְבֶּעט.

...

## וַוייזְן פַאר דִי יוּגְנְט דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק פוּן זַיין אַ אִיד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן שְׁטַארְקְט דִי מֵיידְלֶעךְ; לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט. דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין אוּנְזֶער דוֹר, צוּ וַוייזְן פַאר דִי יוּגֶענְט דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק פוּן זַיין אַ אִיד; מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע טִיטְשֶׁערְס, אֵיידֶעלֶע טִיטְשֶׁערְס, קְלוּגֶע טִיטְשֶׁערְס, טִיטְשֶׁערְס וָואס וֶועלְן רֶעדְן מִיט שֵׂכֶל, ווִיסְן וָואס צוּ רֶעדְן, ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן וְכוּ'.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן צוּרִיק קוּמֶען נָאךְ אַ יָאר טִיטְשְׁן.

...

## יֶעדֶער אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אַרְבֶּעט שְׁוֶוער מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

ווָאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר הֶעלְפְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי דִי סְקוּל, אִיר זֶענְט גֶעבְּלִיבְּן

אִין שְׁטָאט פַאר'ן זוּמֶער צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ; דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן, אוֹיךְ דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, אִיר דַארְפְט אָבֶּער וִויסְן אַז יֶעדֶער בָּזֶה הָעוֹלָם מוּטְשֶׁעט זִיךְ, יֶעדֶער אַרְבֶּעט שְׁוֶוער; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אַרְבֶּעט שְׁוֶוער מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן, אַז מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער - דָאס אִיז פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאכְן אִין דִי וֶועלְט.

נָאכְאַמָאל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...

## דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייעֶר אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי דִי סְקוּל בֵּית פֵּיגָא, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייעֶר אַרְבֶּעט.

נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ מִיטִינְג וֶועגְן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, אִיךְ פְּרֵייט זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר גֵייט זַיין טִיטְשֶׁער אִין בֵּית פֵּיגָא לִיבֶּערְטִי; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה.

...

## נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אוֹיפְלֶעבְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ בִּין אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר'ן זִיךְ אַוֶועק גֶעבְּן פַאר דִי סְקוּל, דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן זֵייעֶר הַנָאָה פוּן אַייךְ, פוּן דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיר פַארְגִינְט זֵיי; אִיר גֶעדֶענְקְט אַלֶץ דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס דַארְפְן דָאס נָאךְ מֶער, אִיר גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, זֵיי צוּ גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט.

יֶעדֶע מֵיידְל בַּאקוּמְט אַ שְׁמֵייכְל, דָאס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי דִי זַאךְ פוּן אוֹיפְלֶעבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּפְרַט מֵיידְלֶעךְ, זֵיי דַארְפְן נָאר אוֹיפְכַאפְּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת, פוּן זַיין אַ אִיד.

אִיךְ ווֵייס אִיר אַרְבֶּעט שְׁווֶער, אָבֶּער גֶעדֶענְקְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אַרְבֶּעט שְׁווֶער, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ; וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם ווָאס מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

...

## דִי צֶען יָאר פוּן "בֵּית פֵּיגָא", בְּלַייבְּט אַ זְכוּת פַאר אַייךְ אוֹיף אֵייבִּיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

יֶעצְט עֶנְדִיגְן מִיר דִי צֶענְטֶע יָאר פוּן אוּנְזֶער סְקוּל בֵּית פֵּיגָא; דִי צֶען יָאר ווֶעט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין, דָאס בְּלַייבְּט אַ זְכוּת פַאר אַייךְ אוֹיף אֵייבִּיג. דִי שְׁווֶערֶע אַרְבֶּעט פוּן דִי אַלֶע יָארְן דָאס הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט צֶענְדְלִיגֶער שְׁטוּבֶּער ווָאס פִירְן זִיךְ אוֹיף דִי ווֶעג פוּן דִי תּוֹרָה.

יֶעצְט ווֶען מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִינֶעם עֶלֶעפְטְן יָאר עֶפֶענֶען מִיר אוֹיף אַ דְרִיטֶע בֵּית פֵּיגָא, אִין קִרְיַת יוֹאֵל, תְּ'פְתַּח שַׁ'עֲרֵי בֵּ'ית פֵּ'יגָא. אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט מִיר הֶעלְפְן מְסַדֵר זַיין דִי לִימוּדִים מִיט דִי לֶערֶערִינְס בַּיי אַלֶע דְרֵיי שׁוּלֶעס, סַיי אִין שְׁטֶעטְל, סַיי אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן סַיי אִין מָאנְרָא; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער דָאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט מִיר הֶעלְפְן מִיט אַלֶע בֵּית פֵּיגָא סְקוּלְס, אִיר הָאט דָאךְ סַיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא.

אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע לֶערֶערִינְס אוּן מְנַהֶלֶתְ'ן אוֹיף אַן אֲסִיפָה, אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ זֵיי אַלֶע, אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי יְסוֹדוֹת פוּן "בֵּית פֵּיגָא",

אִיבֶּערְגֶעבְּן וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט, וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן מִיר זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, מִיר זָאלְן קֶענֶען אַנְטְקֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

...

## מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַז אִיר קוּמְט צוּרִיק זַיין אַ לֶערֶערִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן דִי סְקוּל, דִי מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ׳ זָאגְט אַז אִיר גֵייט נָאכְאַמָאל צוּרִיק קוּמֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר טִיטְשְׁן; מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ זֵייעֶר.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג; עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער, אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער; אַלֶע מַעֲלוֹת.

...

## אַייעֶר צְנִיעוּת אִיז אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי תַּלְמִידוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן דִי סְקוּל אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

אִיךְ בִּין אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט בְּלַייבְּן אַרְבֶּעטְן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵיגָא.

אַייעֶר צְנִיעוּת אִיז אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי תַּלְמִידוֹת, דִי קִינְדֶער שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ אַז זֵיי ווִילְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי שֵׁיין צְנִיעוּת׳דִיג וִוי אַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

...

## וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וֶוערְט דִי וַוייבּ אַ הֶעלְפֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טוּ תְּשׁוּבָה; אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, דַיין וַוייבּ וֶועט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דִיר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נד, א) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי טז, ז): "בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי אִישׁ, גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ", וֶוער זֶענֶען דִי פַיינְט? "רַבִּי יוֹחָנָן אָמַר, זוֹ אִשְׁתּוֹ", דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ; וַוייל וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוְוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן מֶען הִיט זִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת - וֶוערְט דִי וַוייבּ גְלַייךְ אַן הֶעלְפֶער פַארְ'ן מַאן, זִי מַאכְט שָׁלוֹם מִיט אִים, זִי וֶוערְט אוֹיס בְּרוֹגֶז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רוּפְן מִשְׁפָּחָה אוּן בַּאקַאנְטֶע צוּ דִי פְּלֶעי "פַּארְטוּשְׁטֶע קִינְדֶער"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁתִּחְיוּ**

אִיךְ וִויל בֶּעטְן אַלֶע פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן רוּפְן דִי מִשְׁפָּחָה אוּן בַּאקַאנְטֶע צוּ דִי פְּלֶעי וָואס אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת טוּעֶן פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ זוּנְטָאג, מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג - פַּרְשַׁת רְאֵה; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע הֲפָצָה, מֶען קֶען דוּרְכְדֶעם אוֹיפְלֶעבְּן אַסַאךְ פְרוֹיעֶן.

דִי פְּלֶעי וָואס בֵּית פֵיגָא טוּט פָארְשְׁטֶעלְן אִיז נִישְׁט סְתַּם אַ מַעֲשֶׂה וָואס מֶען קוּמְט אוּן מֶען גֵייט אַהֵיים אָן מִיטְנֶעמֶען עֶפֶּעס מִיט זִיךְ; דִי פְּלֶעי וָואס בֵּית פֵיגָא שְׁטֶעלְט פָאר אִיז פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כה) אַז דִי מַעֲשִׂיּוֹת וֶועקְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן

שְׁלָאף; דִי מַעֲשִׂיּוֹת בְּרֶענְגְט אַ מֶענְטְשׁ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֶעבּ אַכְטוּנְג וֶועם דוּ נֶעמְסְט אַרַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעבּ אַכְטוּנְג וֶועם דוּ נֶעמְסְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ וִויל נִישְׁט דִי שְׁטֶעטְל זָאל זַיין אַ פְּלַאץ וואוּ אִינְגֶעלַייט וָואס צֶעטֵיילְן זִיךְ, אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ - קוּמֶען דָא.

דָא אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַאר דֶעם, נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ נָאךְ זַיין שוּלְדִיג; מֶען רֶעדְט שׁוֹין גֶענוּג אוֹיף אוּנְז, מֶען רֶעדְט אוֹיף בְּרֶסְלֶב אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי זַאכְן.

פוּן אֵיין זַייט אִיז הַכְנָסַת אוֹרְחִים אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, גֶעבּ אַכְטוּנְג וֶועם דוּ נֶעמְסְט אַרַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַנְטְלָאפְן, זַיין וַוייבּ רוּפְט אִים צוּ דִין תּוֹרָה, בַּאלְד קוּמְט אַרוֹיס אַ סֵרוּב אוֹיף אִים אוּן אַלֶעס וֶועט גֵיין אוֹיף אוּנְזֶער נָאמֶען.

...



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com

בעזהשי"ת

# קרן הדפסה לאדענט אייך איין צו ווערן א ברסלב פריים מעמבער!




**אויפן פארלאנג פונעם ציבור אנשי שלומינו,**
**טוט קרן הדפסה איינגעפעדימט א נייע א נייע פריים מעמבערשיפ פראגראם,**
**וואס וועט צושטעלן א געוואלד מיט נוצבארע בענעפיטן:**

צום ערשט:

**באקומט "אלע" וועכענטליכע אידישע גליונות און קונטרסים פון היכל הקודש**

אריינגערעכנט די וואס מען אפערט נישט דערפאר קיין סובסקריבשאנס, אזוי אויך די וואס וועלן ארויסקומען בעז"ה אין די צוקונפט.

עקסטערע באנוס:

**אנלימיטעד 10% דיסקאונט אין ברסלב סענטער אנליין געשעפט**

אריינגערעכנט הונדערטע ספרים, קונטרים, אויף אידיש, ענגליש און לשון הקודש, סידים צו הערן און צו זען, און נאך אסאך.

ועל כולם:

**PRIME HOME DELIVERY SERVICE**
**פריים דעליווערי סערוויס:**

באקומט אלעס "צום טיר" מיט פערזעליכע סערוויס אויף א גאלדענעם טאץ - דאס שנעלסטע וואס מעגליך.

**די פרייז צו ווערן א פריים מעמבער איז $24.99 א וואך**

**רופט שוין 718-387-2691 עקסטענשאן 3**